NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06674

YIDISH

R. Gutman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רפאל גוטמאַן

יידיש

ערשטער טייל

אילוסטרירטער אלף-בית מיט אַ כרעסטאָמאַטיע
צו לערנען קינדער לייענען און
שרייבן יידיש.



פאַרלאַג
היברו פאבלישינג קאמפאני

Printed in U.S.A.

וואָרנונג:

דאָס רעכט אַרויסצוגעבען דיזען בוך אין אַמעריקא און קענעדע האָב איך איבערגעגעבען צו די „סטאַר היברו בוק קא.", און קיין אַנדערער האָט דאָס רעכט איבערצודרוקען.

וואַרשא, תרפ"ו **רפאל גוטמאַן**

די „סטאַר היברו בוק קא." מיט אַלע אירע פאַרלאַגסרעכט איז אין יאָר 1935 איבערגעגאַנגען אין איינציקן רשות פון די
היברו פּאבלישינג קא., ניו יאָרק



א א א א

א



N

ɣ

ɣ ɣ ɣ N

ɣ N

ɣN

ɣ N ɣ

ɣNlcN lc

ɣNlcN lc ɣNɣ

ɣ N lc N

ɣN lcN

ɣN lcN

ɣNlcN

ɣ6lc6

ɣNlcN lc ɣ6lc6 lc

ɣ6lc6 ɣNlcN

ɣNlcN lc ɣNɣ6







O

Oɣ ,ɣNɣ6 ,Oɣ

 lc 6Oɣ ɣNɣ6

 6Oɣ ɣNlcN OɣNɣ6

Oɣ O ɣ

ɣ lc 6 N O

ɤ6ɤ lce ɤeleɴ lce

6oɤ lc

 lc 6oɤ ɤeleɴ

ɤe ɤ e

ɤeleɴ ɤe lcɴ



ɓɔɤe ɤɴɤ ɓɔɤe ɤelcɔ

.ɓɔɤe ɤelcɴ

.ɔɤe lc ,ɤelcɴ ,ɤelcɴ

.ɓɔɤe ɤelcɔ ,ɤɓlcɓ

.ɔɤe lc ,ɤelcɔ ,ɤelcɔ

lc ɤelcN ,ɤNlcN lc ɤNɤ6

ↄɤe ↄɤ ↄ ɤ

ↄɤe OɤNɤ



ↄɤNɤ Oɤelcↄ

ↄɤOɤN OɤelcN

ɤ lc 6 N O ↄ e

ɤɤɤN ,ɤʃɤNɤʃ ,ɤʃɤNɤʃ

.Oɤ ,ɤʃɤNɤʃ ,ɤʃɤNɤʃ

.ʖOɤ ɤʃɤNɤʃ Oɔɤʖʃʃ|c

ʃɤN ʃɤ ʃ ɤ

ɔ ɘ O ʃ

סימע שליסט א טיר

מיט א שליסל.

אלטער שליסט א שטאל.

אלטער — א שילער.

סימע — א...

סימעס טאַטע אַ שערער,

אַ שערער שערט,

אַ שיסער שיסט,

אַ מאַלער...

אַ שילער...

ס י   ס י מ ע

סי   סימע

א שיפעלע מיט פיש.

א פישער שיפט א שיפעלע,

ער פירט פיש.

פישעלע פיטערט א

שעפעלע. עס,

שעפעלע, עס!

1 פאס 2 פעסער


1 פלאש 3 פלעשער


1 טיש 4


1 פיש 4


פ ע   פע

פעל   פעסעלע

פ ל ס ש

זיסעלע לעזט א

זעט זי: א שעפעלע,

א פישעלע, א שיפעלע,

א פלאש, א פאס.

לעז, לעז, זיסעלע.



זאמעלע שטיפט.
ער פירט א
שליטעלע. זעט ער, זיסעלע
לעזט. לעז, לעז, זיסעלע.

ז ע זע

זע מע לע זעמעלע

ז פ ל ס ש

א ע מ ט

א ע מ ט

מאמע, טאטע, עמע, טעמע.

עמע—א טעמע—א מאמע.

ש ר ס

ש ר ס

א שער  א מעסער 

 טעמעס עמער

ראשע שערט סאמעט.

פ י

פ י

א פיש א פישער.

א פישער פירט פיש.

 ז ל 

ז ל

א פעסל, א זעמל, א שליסל.

זיסעלע לעזט, זעט זי:

א שעפעלע, א שיפעלע, א פעסל.

מאשע שטיפט.

אלטער לעזט —



ער לעזט א

זלאטע עסט — זי עסט

א זעמל.

זאמעלע שטיפט — ער

פירט א שיפעלע.

אלטער לעזט, זלאטע עסט,

זאמעלע שטיפט.

א ע מ ט ש ר ס י ל פ ז



וועלוועלע וואסערפירער.

וועלוועלע וואסערפירער פירט א פעסעלע
וואסער.

ער פירט וואסער פאר טעוועלעס מאמע.
טעוועלעס מאמע גיסעלע ווארעמט וואסער,
די וואשט וועש.



א וואסער.

עס שווימט א שיפעלע,
טעוועלעס שיפעלע שווימט.

ניסעלע מיט גיסעלען עסן ניס.
מינע נאַשט מאַלינעס.
וויל סימעלע מאַלינעס.
נאַ, סימע, מאַלינעס, נאַ, ניס!

ווער שווימט?
ניסלע, וועלוועלע,
אלטער, טעוועלע.
אלע פיר שווימען.



א שיסעלע – שיסל – 5 שיסלען
א לעפעלע – לעפל – 6 „
א טישעלע – טישל – 7 „

מאָטעלע שלאָפֿט.
שאַ, שטיל, לאָזט מאָטעלען שלאָפֿן.
מאָטעלע וויל שלאָפֿן.
מאָטעלע מאָלט.

מאָטעלע מאָלט.
וואָס מאָלט ער?
מאָטעלע מאָלט:
אן אָל, א שאָל,
א מאָס, א שלאָס, א פאָנע, א פאָטעל.

מיכעלע לאַכט: כאַ, כאַ, כאַ.
נעכע פאַלט, לאַכט מיכעלע.
פע, מיכעלע, א נאַר לאַכט.

א מאכט שטיוול.

וואָס מאכט א שלאָסער?

וועלכע זאכן מאכן

ווער מאכט א טיש?

מו—מו—מו!

ווער מאַכט עס מו—מו—מו?

א מאַכט מו—מו—מו.

א שול. עס לערנען שילער. מען לערנט לעזן, רעכענען, מאָלן. אלע שילער לעזן, נאָר מיכעלע וויל נישט לעזן, מיכעלע וויל נישט לערנען. נאָר ער שטיפּט.

עס רעגנט. עס גיסט אַ גיס
רעגן. גאַסן, גערטנער זענען
פֿאַרגאָסן מיט וואַסער. מען
טראָגט שירעמס. מאָטעלע מאַכט
אַ שיפעלע פֿון טאָוול. ער לאָזט עס שווימען
מיטן רעגנוואַסער.



גיטעלע פיטערט גענז.

גיטעלעס גענז עסן גראָז. גיטעלעס גענז שווימען.
מיט אמאָל פאלט אָן א — א פרעסער.
רופן אלע גענז גיטעלען:
גא-גא-גא, גיטעלע! גא-גא-גא, ראטעווע!

ווער מאכט עס או או או ?
עס איז אונזער פישעלע,
איטעלע איז א גוטע,
און פישעלע איז א שלעכטער,
ער מאכט עס או או או.

איטעלע און גיטעלע.

אונזער גיטעלע איז גע־גאנגען אין גאס. עס איז געווען פארנאכט. אין גאס איז געווען פינסטער, איז זי געפאלן. לאכט איטעלע פון איר. זאָגט איטעלעס מאמע: איטעלע מען מעג לאכן פון א געפאלענע? — איז איטעלע געוואָרן פארשעמט.



וועמען איז שווערער?

דער שליטן זאָגט: מיר איז ווינטער שווער.
דער וואָגן זאָגט: מיר איז זומער שווער
דאָס פערד זאָגט: מיר איז שטענדיג שווער,

דער אָדלער.

דער אָדלער איז געפאנגען. דער אָדלער וויל נישט עסן. ער איז או-מעטיג. ער וויל אין וואלד, אין פעלד; דאָ אין געפענגעניש איז פארן אָדלער די זון נישט ליכטיג, די לופט נישט פריש.

— וועמעס ביסטו, איטעלע?
— דער מאַמעס.

הינדע.





הינדע האָט געהאט א העפט. אין העפט
האָט הינדע געמאָלט:
א העגעלע וואָס עסט גראָז
א העלפאנט מיט א לאנגער נאָז,
א הון און א האָן
און הערשעלע מיט א פאָן...
וואָס מאָלט הינדע?

הערשעלע מיטן הינטעלע.

הערשעלע האָט א הינטעלע. הער-שעלע האָט האָלט דאָס הינטעלע, און דאָס הינטעלע האָט האָלט הערשעלען. ווען הערשעלע איז דאָס ערשטע מאָל געגאנגען אין שול איז דאָס הינטעלע נאָכגעלאָפן און לאנג געשטאנען פאר דער טיר פון שול און גערופן:

„האו-האו, האו-האו, האו-האו"...

א בער און א בין.

אמאָל איז געווען א בין. די בין האָט געמאכט האָניק. וויל דער בער די האָניק נאשן, פאלן אָן אלע בינען אפן בער. דער בער איז אנטלאָפן אָן האָניק.

בערל מיטן פידל,
מענדל מיטן באס,
זינגט מיר נאָר א לידל
דאָ אין מיטן גאס.

א בלינדער מיט א לאמטערן.

אין א פינסטערע נאכט איז געגאנגען א בלינדער מיט א לאַמטערן. — וואָס דארפט איהר א לאמטערן, אז איר זעט נישט? — האָט מען געפרעגט דעם בלינדן, — דער לאמטערן איז נישט פאר מיר, נאָר פאר די, וואָס זעען, מען זאָל מיר אין דער פינסטער נישט אומווארפן, — האָט דער בלינדער געענטפערט.

באַק באַק קוכן.



דער בעקער האָט גערופן,
ווער עס וויל קוכן מאַכן,
דער מוז האָבן זיבן זאַכן...

פון וואָס באַקט מען קוכן?

אונזער קעלבעלע.

מיר האָבן געהאט א קו מיט א קעלבעלע, דאָס קעלבעלע האָט ליב געהאט די קו און די קו פלעגט לעקן דאָס קעלבעלע.

אמאָל האָט דער טאטע געוואָלט שעכטן דאָס קעלבעלע, האָבן מיר, אלע קינדער פון שטוב, געבעטן, דער טאטע זאָל דאָס קעלבעלע נישט שעכטן, מיר האָבן עס ליב געהאט. האָט דער טאטע עס טאקע נישט געשאָכטן, און פון קעלבעלע איז געוואָרן א קו.

וואָס גיט א קו? פון וואָס מאכט מען קעז?

דאָס גאָלדענע ציגעלע.



אונטערן קינדס וויגעלע
איז דאָ אַ גאָלדן ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפֿאָרן האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...



אונזער ציגעלע.

דער טאטע האָט א ציגעלע,
א ציגעלע א גאָלד:
ער האָט פאר איר 2 גילדן באָר,
2 גילדן באָר בעצאָלט.
געקומען איז א קעצעלע —
דאָס ציגעלע צוריסן;
געקומען איז א הינטעלע —
דאָס קעצעלע צוביסן.

שלאָף, שלאָף, שלאָף!
דער טאטע וועט קומען פון דאָרף,
וועט ער ברענגען א ניסעלע —
א געזונט דיר אין דאָס פיסעלע.

א וואָלף מיט וועלפעלעך.

א וואָלף האָט געהאט פינף וועלפעלעך. די וועלפעלעך זענען געווען הונגעריג, איז דער וואָלף געגאנגען פון וואלד אין דאָרף זוכן עסן. אין דאָרף איז דער וואָלף געפאנגען גע- וואָרן. זענען די וועלפעלעך געבליבן אָן א טאטן.

מײַן טײַערע זײדע!

שוין לאַנג האָב איך דיר געוואָלט שרײַבן אַ בריף, נאָר איך האָב נאָך נישט געקענט שרײַבן. איך בענק זײער נאָך דיר און נאָך דער באָבען. זומער וועל איך ווידער קומען. בײַ דיר אין דאָרף איז אַזוי שײן. בײַ אונז איז זײער קאַלט. וואָס מאַכן די טויבן? זענען זײ נישט אַוועקגעפלויגן ווי די שוואַלבן? — אַ גרוס דער באָבען, דער מומע קײלע און דעם פעטער לײב.

דײַן בײלע.

אין גאָרטן אין אַ בײדעלע | דער טאַטע האָט זי האַלט,
געוואַקסן איז אַ מײדעלע, | די מאַמע רופט זי גאָלד.

מײדעלע דו שײנס, מײדעלע דו פײנס.
איך וועל דיך פרעגן אַ רעטעניש אַ קלײנס:
וואָס איז העכער פון אַ הויז
און וואָס איז פלינקער פון אַ מויז?

אַ קאַץ מיט קעצלעך.



אַ קאַץ האָט געהאַט פיר קליינע קעצלעך. די קעצלעך זענען געווען בלינד, און די קאַץ האָט געהאַט פיל צוטאָן אַרום די קעצלעך. אין צען טעג אַרום האָבן די קעצלעך דערזען די ליכטיקע וועלט.

1 , צוויי, דריי —
אלט איז נישט ניי,
ניי איז נישט אלט,
ווארעם איז נישט קאלט,
קאלט איז נישט ווארעם,
רייך איז נישט אָרעם,
אָרעם איז נישט רייך,
קרום איז נישט גלייך,
גלייך איז נישט קרום,
רעדן איז נישט שטום.

דער אייזל.

דער אייזל האָט לאַנגע אויערן. איר ווייסט, פון וואַנען עס קומען צום אייזל אַזוינע לאַנגע אויערן?

ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און האָט יעדן באַשעפעניש אַ נאָמען געגעבן, האָט דער אייזל באַלד פאַרגעסן, ווי ער הייסט.

דיין נאָמען איז אייזל, אייזל — האָט גאָט געזאָגט צו אים. און גאָט האָט גוט אויסגעצויגן זיינע אויערן, ער זאָל בעסער הערן און געדענקען, וואָס מען רעדט צו אים.

וואָס איז דאָס, זאָג — איינס?
זאָג מיר, קינד מיינס שיינס:
— איין יינגעלע
האָט איין צינגעלע,
מיידעלעך אויך צו איינס,
מיידעלעך אויך צו איינס.

וואָס איז דאָס, זאָג — צוויי,
אויב דו ווייסט אַזוי?
— צו צוויי אייגעלעך
האָבן פייגעלעך,
קינדערלעך אויך צו צוויי,
קינדערלעך אויך צו צוויי.

אליע ליוליע, ליוליעליו.

שלאָף, מיין יינגעלע, מיין ליבער.
מאך די אויגן צו און רו;
גוט איז דעם, וואָס האָט א מאמען —
אליע ליוליע, ליוליעליו!
אלעס קאָן מען נאָך געפינען,
אלעס קריגט מען נאָך פאר געלט;
נאָר א מאמע — זי איז איינע,
מער נישט איינע אויף דער וועלט!

דער הירש און די בלעטער.



יעגער האָבן זיך געיאָגט נאָך א הירש. זיי האָבן אים געיאָגט איבערן גאנצן וואלד, נאָר דער הירש האָט זיך באהאלטן צווישן די בלעטער פון די ביימער, און די יעגער האָבן אים נישט געקאָנט געפינען. ווען דער הירש האָט געזען, אז מען זוכט אים נישט מער, האָט ער אָנגעהויבן עסן די בלעטער. ווען דער הירש האָט אויפגעגעסן די בלעטער, האָבן די יעגער אים דערזען און — דערשאָסן.

אן עפּלבוים.

שווערע עפּל, רויטע עפּל
בייגן צו דער ערד די צווייגן;
און די בארן—זעט נאָר בארן,
הענגען שטיל זיך דאָרט און שווייגן

פּערל, פּערל, קום אַהיים
ווערסט זיך נאָך פאַרקילן.
ס'איז שוין נאַכט, גענוג מיט ליים
זיך אין דרויסן שפּילן.

מאַמע, מאַמע! קוק נאָר אָן,
כ'מאַך פון ליים א לעמל,
און געמאַכט האָב איך א האָן
אויף זיין קאָפּ א קעמל.

האָפּ, האָפּ, האָפּ!
פערדל, לויף גאַלאָפּ!
איבער בערג, איבער שטיינער,
נאָר צעברעך זיך ניט די ביינער;
שטענדיק אין גאַלאָפּ,
האָפּ, האָפּ, האָפּ!

א זשאבע מיט אן אָקס.



א זשאבע האָט אמאָל דער־זען א גרויסן און פעטן אָקס. פארווילט זיך דער זשאבע ווערן אזוי גרויס, פונקט ווי דער אָקס. וואָס טוט זי? — נעמט זי זיך בלאָזן. זי האָט זיך אָבער אזוי שטארק אָנגעבלאָזן, אז זי האָט געפּלאצט.

פאטשע־לאטשע, פאטשע־לאטשע קיכעלעך.
דער טאטע וועט קויפן שיכעלעך,
די מאמע וועט קויפן זעקעלעך —
וועסטו האָבן רויטע בעקעלעך.

א גליטש.

יינגלעך גליטשן זיך. זיי האָבן דערזען א גליטש, האָבן זיי אָנגעטאָן די הענטשקעס אויף די הענט און די גליטשערס אויף די פיס און גליטשן זיך.

א הייסער טשייניק.

יודעלע האָט געוואָלט אליין אָנגיסן טיי פון טשייניק, איז אָבער דער טשייניק געווען א הייסער, האָט זיך יודעלע אָפּגעבריט די האנט. פון דעמאָלט אָן פלעגט יודעלע זיך שרעקן אפילו פאר א קאלטן טשייניק...

אלץ שלאָפט.

פון די לעמעלעך קיין מעקען.
פון די פייגעלעך קיין פּיפּטשען,
פון די פליגעלעך קיין זשומען,
פון א ווערעמל קיין ריר.

אָשֶרְקע,

די מאמע האָט געלערנט איר קליינעם אָשֶרְקען דֶרֶך אֶרֶץ: אז דו וועסט אריינקומען אין א שטוב אינדערפרי, זאָלסטו זאָגן: גוט מאָרגן, אין אָוונט זאָלסטו זאָגן: גוטן אָוונט, שַבָּת — זאָלסטו זאָגן: גוט שַבָּת.

איינמאָל איז אָשֶרְקע געקומען צום פעטער אַהֲרן שַבָּת, האָט ער געשווינט אָפּגעזאָגט: גוט שַבָּת, גוט מאָרגן, גוטן אָוונט.

שַבָּת־ליכט און שַבָּת־לאָמפּן,
אך, ווי זיס איז אייער שיין!
וויפיל ברענגט איר טרייסט דעם ייד
אין זיין עלנד, אין זיין פּיין!

וועלכער טאָג אין וואָך איז שַבָּת?

דאָס קרעמל.

איך, אַבְרֶהמל, איך, אַבְרֶהמל,
האָב געעפנט דאָ א קרעמל.
קונים, קונים, קומט צו לויפן,
קומט צו מיר מיין סחוֹרֶה קויפן!

נא דיר סחורות,
סחורות גוטע,
און דו סיליק
מיר א פרוטֶה;
נאָר איין פרוטֶה,
נאָר איין פרוטֶה,
פאר די סחורות,
פאר די גוטע!

וועלף, לייבן, בערן — זענען חיות; קי, אָקסן,
פערד — זענען בְּהֵמות. וועלכע חיות און
בְּהֵמות קענט איר נאָך?

דָוִד הַמֶלֶך.

אמאָל איז געווען א ייִנגל א פּאסטוך, האָט ער געהייסן דָוִד. דָוִד האָט געפּיטערט די שאָף און רינדער פון זיין פאָטער יִשַי. איינמאָל איז דָוִד געזעסן אין פעלד ביים וואלד און געשפּילט אויף א הארפּע. זענען ווילדע חַיות אָנגעפאלן אויף זיינע שאָף, און דער מֶלֶך פון די חַיות, דער לייב, האָט געכאַפּט א לעמעלע. דָוִד האָט אים נאָכגעיאָגט, געכאַפּט און צוריסן, און דאָס לעמעלע געראַטעוועט.

די בּין.

פון איר קליינעם קעמערל
זומענדיק א זֶמֶרל,
קומט ארויס די גאָלדענע,
רירעוודיקע בּין...

זעט זי ווו א בּייטעלע
שפּירט זי ווו א קווייטעלע
שפּרייטנדיק די פליגעלעך,
לאָזט זי זיך אהין.

וואָס טוט די בּין אויף די בּלומען? וווהין טראָגט זי דעם זאפט? וואָס פאר א טַעַם האָט האָניג?

כ, ת.

מַלְכָּה און אֶסְתֵּר.

מַלְכָּהלע האָט געקריגן פון דער מומע תָּמָרל חֲנוּכָּה־געלט, און פון פעטער נַפְתָּלִי האָט זי געקריגן חֲנוּכָּה־געלט א דריידל.

דעם ערשטן טאָג חֲנוּכָּה האָט מַלְכָּהלע געשפּילט מיט איר גרויסע שוועסטער אֶסְתֵּר אין דריידל און האָט געוואונען ביי איר א סַך געלט. אויף מאָרגן האָט אֶסְתֵּר צוריק אָפּגעוואונען ביי מַלְכָּהן איר געלט און דאָס גאנצע חֲנוּכָּה־געלט, וואָס זי האָט געקריגן פון דער מומע תָּמָרל.

אזוי האָט מַלְכָּה געשפּילט מיט אֶסְתֵּרן די גאנצע 8 טעג חֲנוּכָּה, איין טאָג האָט מַלְכָּה געוואונען ביי אֶסְתֵּרן און איין טאָג האָט אֶסְתֵּר געוואונען ביי מַלְכָּהן, און צום סוף האָבן מַלְכָּה מיט אֶסְתֵּרן נישט געהאט קיין געוואונענע, נישט קיין פארשפּילטע.

וואָס האָבן די צוויי שוועסטער געטאָן אין די 8 טעג חֲנוּכָּה?

חַ — אַך, שׂ — ס.

דער זיידע נחַ.

דער זיידע נחַ האָט פאַרזייט אַ ריבעלע. איז אַרויסגעוואַקסן אַ גרויסע ריב, און דער זיידע נחַ האָט נישט געהאַט קיין כּחַ זי אַרויסצורייסן.

רופט דער זיידע נחַ די באָבע שׂרה צו הילף. דער זיידע נחַ שלעפּט די ריב, די באָבע שׂרה שלעפּט דעם זיידן נחַ, און זיי האָבן נישט קיין כּחַ די ריב אַרויס־צושלעפּן...

רופט די באָבע שׂרה דעם אייניקל שׂמחה. דאָס אייניקל שׂמחה שלעפּט די באָבע שׂרה, די באָבע שׂרה שלעפּט דעם זיידן נחַ, זיי שלעפּן מיט גרויס כּחַ — און זיי שלעפּן די ריב אַרויס.

פאַר מָשיחַ'ן.

— וואָס־זשע, קאָוואַל, שמידסטו דאָרטן?
— איך שמיד פון מיינע בעסטע סאָרטן,
בין זיך דאָ מַטריחַ,
בין זיך דאָ מַטריחַ —
די פּאָדקאָווע מאַך איך
פאַרן פערדל פון מָשיחַ.

אן אַלֶף-בֵּית-ליד.

אַלֶף — אויגעלע
בֵּית — בויגעלע
גִימֶל — גלעקעלע
דַלֶת — דעקעלע
הֵא — הינטעלע
וָו — ווינטעלע
זַיִן — זייגערל
חֵית — חֵדֶרל
טֵת — טייכעלע
יוּד — יאיכעלע
כָּף — כוסעלע
לַמֶד — לעמעלע

מֶם — מעסטעלע
נון = נעסטעלע
סַמֶך — סוף
עַיִן — עוף
פֵּא — פעקעלע
פֵא — פלעקעלע
צַדִיק — ציגעלע
קוּף — קריגעלע
רֵיש — רעקעלע
שִׁין — שטעקעלע
שִׂין = דארף צום סַמֶך גיין
תָּו און תָו —דאָ בלייב שטיין

ווען קינדער שפּילען אין יאָגעניש, זינגען זיי אזוי:

אַלֶף = אַבְרֶהמעלע
בֵּית = בערעלע
גִימֶל = געגַנבֶעט
דַלֶת = ביי דָוִדן
הֵא — א העקעלע

וָו א וואַסער ?
זַיִן — א זילבערנס
חֵת — כאפּט אים !
טֵת — טאפּט אים !
יוד יאָגט אים !

דער יידישער אַלֶף־בֵּית.

א		אַלֶף
בּ		בֵּית
ב*		בֵית
ג		גִימֶל
ד		דָלֶת
ה		הֵא
ו* (וו, וי, וֹ)		וָו
ז (זש)		זַיִן
ח*		חֵית
ט (טש)		טֵית
י (יי)		יוּד
כּ*		כַּף
כ ך		כָף
ל		לָמֶד
מ ם		מֵם
נ ן		נוּן
ס		סָמֶך



ע		עַיִן
פּ		פֵּא
פ ף		פֵא
צ ץ		צַדִי
ק		קוּף
ר		רֵיש
שׁ		שִׁין
שׂ*		שִׂין
תּ*		תָּו
ת		תָו



נְקוּדוֹת.

ָ	קָמַץ	ֻ	קֻבּוּץ
ַ	פַּתַח	וּ	שׁוּרֻק
ֶ	סֶגָל	וֹ	חוֹלָם
ִ	חִירִק	ְ	שְׁוָא
ֵ	צֵירֵה		

*) די דאָזיקע אותיות ווערן געברויכט אין העבּרעאישע ווערטער.

מַעשֶׂהלעך און לידער.

גוט מאָרגן!

עס שלאָפֿט די זון אַ גאַנצע נאַכט,
באַגינען שטייט זי אויף און לאַכט.
איך רייב זיך אויף די אייגעלעך אויס
און שריי נאָך פֿון מיין בעט אַרויס:
גוט מאָרגן! גוט מאָרגן!



די קינדער־היים.

גייט נאָר אויף די מאָרגן־זון,
שטיי איך אויף און טו זיך אָן
איך וואַש מיך ריין,
איך קעם זיך שיין,
בְּרָכָה זאָג איך אויך אַליין.
באַלד גיי איך אין קינדער־היים,
אין מיין ליבער קינדער־היים.

קאַמער—קאַמער־הויז.

נעכטן האָט אונז דער לערער געוויזן, ווי אַזוי צו שפּילן „קאַמער־קאַמער־הויז“. עס איז זייער גרינג, און אַלע קינדער קענען עס שוין. היינט האָבן מיר ווידער געשפּילט. אַלע קינדער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין מיטן קלאַס, און איינער האָט הויך אויסגערופן:

קאַמער־קאַמער־הויז!
כאַפּט די קאַץ אַ מויז!
דער טייך ברענט!
פייגעלעך פליען!

ווען ער האָט אויסגעלאָזן דאָס וואָרט „פליען“, האָבן אַלע קינדער גענומען לויפן. יעדערער האָט געוואָלט

פאַרכאַפּן אַ ווינקל. דער קליינער יאָסעלע איז לויפנדיק געפאַלן און זיך צעהאַקט די נאָז, אָבער ער האָט נישט געוויינט.

דאָס יינגעלע און דער צאָן.

אַמאָל איז געווען אַ יינגעלע, איז ביי אים אַרויסגעפאַלן אַ צאָן. האָט ער גענומען דעם צאָן און איז אַוועק צו אַ לאָך, וואו אַ מייזעלע איז געלעגן באַהאַלטן, און האָט געזאָגט:

„מייזעלע! מייזעלע! נאַ דיר אַ ביינערנעם צאָן און גיב מיר אַן אייזערנעם צאָן!"

דריי מאָל האָט אַזוי דאָס יינגעלע געזאָגט, ביז דאָס מייזעלע איז אַרויסגעשפּרונגען פון איר באַהעלטעניש, האָט אַרויסגעכאַפּט ביי אים דעם צאָן און איז אַנטלאָפן צוריק אין איר לאָך אַריין.

דאָס יינגעלע האָט געמיינט, אַז דאָס מייזעלע וועט אים אויך אַן אֶמֶת ברענגען אַן אייזערנעם צאָן, אַנשטאָט דעם ביינערנעם, איז ער געשטאַנען ביי דער לאָך און האָט געוואַרט און האָט געוואַרט... אָבער דאָס מייזעלע איז שוין מער נישט אַרויסגעקומען, און דאָס יינגעלע האָט

געוואַרט אַזוי לאַנג, ביז בײַ אים איז אויסגעוואָקסן אַן אַנדער צאָן און טאַקע אַ בײַנערנער.

✱ ✱ ✱

חַיֶהלע.

I.

בײַ מײַן מאַמען בין איך געווען אַן איין־אײַנציקער. האָט מיך די מאַמע שטאַרק אָפּגעהיט, און אַלע ווײַלע מיר עסן געגעבן. און עסן האָב איך שטאַרק פײַנט געהאַט. איך האָב בעסער מיט מײַן פערדל געשפּילט, וואָס דער טאַטע האָט מיר געקויפט, געגנאַשט די צוקערקעס, וואָס די מאַמע פלעגט ברענגען פון גאַס, און פלעג זײַן שטאַרק פאַרשטיפט: די מאַמע פלעגט מיך אָבער נעמען צו זיך אויף די הענט, אַוועקזעצן זיך מיט מיר בײַם טיש און הייסן עסן. און אַז איך האָב אָבער פאָרט נישט געוואָלט עסן, פלעגט זי מיר דערציילן אַ מַעשׂהלע.

— אַמאָל איז געווען אַ מיידעלע, האָט זי געהייסן חַיֶהלע. האָט חַיֶהלע איר מאַמען נישט געפאָלגט און עסן נישט געוואָלט. איז זי איינמאָל פון שטוב אַרויס און אַליין אין וואַלד אַוועק, און דאָרט אין טיפן וואַלד בלאָנזשעט זי. —

II.

אָט דאָס מַעשֶׂהלע האָב איך עטלעכע מאָל אַ טאָג געהערט פון דער מאַמען. נאָר איינמאָל האָט זיך מיר פאַרוואָלט זען חַיֶהלען, וואָס בלאָנזשעט, נעבעך, אַליין אין וואַלד, ווייל זי וויל נישט עסן, ווי איך. בין איך דעמאָלט שטילערהייט אַרויס פון שטוב אַוועק אין גאַס, פון גאַס אין פעלד, פון פעלד אין וואַלד, און אין וואַלד האָב איך מיך געשטעלט נעבן אַ הויכן בוים און עטלעכע מאָל אויסגעשריגן:

— חַיֶהלע, חַיֶהלע, וואו ביסטו?

מער געדיינק איך נישט.

ביינאַכט האָב איך מיך געפונען אין בעטל, און לעבן מיר איז געשטאַנען מיין מאַמע מיט אַ גוטער מינע און ווייך געזאָגט:

— נאַרעלע, עס איז דאָך נאָר אַ מַעשֶׂהלע — חַיֶהלע איז אין שטוב ביי איר מאַמען.

טריפּט אַ רעגנדל.

טריפּט אַ רעגנדל,
טריפּט אַ רעגנדל:
קאָפּ, קאָפּ.
אין די שייבעלעך,
אין די דעכעלעך:
קלאַפּ, קלאַפּ.

נאָר די קינדערלעך
אויפן רעגנדל:
האָפּ, האָפּ.
אין דעם לויטערן,
קלאָרן וואַסערל:
שליאָפּ, שליאָפּ.

דער וואָלף און די זיבן ציגעלעך.

I.

אַמאָל איז געווען אַן אַלטע ציג, האָט זי געהאַט זיבן יונגע ציגעלעך. די אַלטע ציג האָט זיי זייער ליב געהאַט. איינמאָל האָט זי געוואָלט גיין אין וואַלד ברייגנען שפּייז. האָט זי צונויפגערופן אַלע זיבן ציגעלעך און געזאָגט: — ליבע קינדערלעך, איך גיי אין וואַלד, היט אייך דאָ פאַרן וואָלף, וואָרום אַז ער וועט אַריינקומען, וועט ער אייך אויפעסן צוזאַמען מיט דער פעל און מיט די האָר. אָן זיין גראָבן קול און אָן זיינע שוואַרצע לאַפּעס קאָנט איר אים גלייך דערקאָנען. די ציגעלעך האָבן געזאָגט: „ליבע

מוטער, מיר וועלן זיך שוין היטן, דו קאָנסט רואיק אַרויסגיין," האָט די אַלטע ציג אַ מעקע געטון און איז אַ רואיקע אַוועק אין וואַלד.

.II

עס האָט לאַנג נישט געדויערט. ערשט עמיצער קלאַפּט אין טיר און רופט: „עפנט אויף, ליבע קינדער, אייער מוטער איז געקומען און האָט אייך געבראַכט גוטע זאַכן. אָבער די ציגעלעך האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער וואָלף. „מיר וועלן נישט עפענען, — האָבן זיי געזאָגט, — דו ביסט נישט אונזער מוטער, זי האָט אַ פיינע ליבלעכע שטים, און דיין קול איז נישט שיין. דו ביסט א

וואָלף. דער וואָלף איז געשטאַנען אַ ווײַלע און איז אַוועק.

תּיכּף נאָך דעם איז די אַלטע ציג געקומען אַהיים פון וואַלד. זי האָט אָנגעקלאַפּט. די ציגעלעך האָבן דערקאַנט דער מאַמעס זיסע שטים און געעפנט די טיר. זיי האָבן דער מאַמען דערציילט די מעשׂה מיטן וואָלף. „קלוגע קינדערלעך זענט איר" — האָט די ציג געזאָגט און געגעבן זיי זיסע גרעזעלעך, וואָס זי האָט פאַר זיי פון וואַלד געבראַכט.

מוזיק-שפּיל.

העגט אַרויס און הענט צוריק —
לאָמיר שפּילן אַ מוזיק:
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!

לינקס די קעפּלעך צו דער פידל —
הערט, די פידל שפּילט אַ לידל:
זום-זו, זו-זו, זום-זו-זו!
זום-זו, זו-זו, זום-זום-זום.

הענט און פינגער אַלע גרייט!
ווייך זאָל שפּילן דער טרומייט:
טרו־טו־טו, טרו־טו־טו!
טרו־טו־טו, טרו־טו־טו!

בּלענדעניש.

— קינדער! האָט יַענקל זיך אָנגערופן צו אונז, — לאָמיר נאָר שפּילן אין בּלענדעניש.

מיר האָבן זיך אַלע זייער דערפרייט און אָנגעהויבן שרייען אין איין קול:

— אין בּלענדעניש! אין בּלענדעניש!

מיר האָבן זיך אַלע צעשטעלט און יַענקעלע האָט גענומען אויסוואַרפן:

אוי ווײַ!
גיב מיר טײַ!
טײַ איז ביטער —
גיב מיר צוקער!
צוקער איז זיס —
גיב מיר ביס.
ביס זייבעץ האַרט —
זיץ און וואַרט!

איז אויסגעפאַלן אויף בערעלען. אָבער שלמקע איז נישט באַשטאַנען. ער האָט געזאָגט, אַז בערעלע האָט נישט ריכטיק געציילט, און ער האָט אַנדערש אויסגעוואָרפן:

אײנס, צוויי, דריי,
לאָזער, ליזער, ליי,
אָקן, באָקן,
ביידע גלאָקן,
צירעלע, פּערעלע —
דוקעס אַרויס!

איז אָבער אויסגעפאַלן ווידער אויף בערעלען, האָבן מיר אַלע זיך צעלאַכט. האָבן מיר בערעלען פאַרבונדן די אויגן מיט אַ טיכל, געלאָזט שטיין אויפן מיטן הויף, און זיך אַלע צערוקט, ער זאָל אונז נישט קאָנען כאַפּן.

מיר האָבן געפרעגט:

„אויף וואָס שטייסטו?"
— אויף אַ פּאַס! —
„וואָס טרינקסטו?"
— עפּל-קוואַס —
„וואָס עסטו?"
— אַ בייגל! —

„כאַפּ אַ פויגל!" — האָבן מיר אַ געשריי געטון און זיך געלאָזט לויפן. בערעלע האָט זיך געיאָגט נאָך אונז מיט פאַרבונדענע אויגן. ער איז געלאָפן, געלאָפן, געטאַפּט די ווענט, ביז ער האָט פּאָרט געכאַפּט... דעם לערער, וואָס איז גראָד אָנגעגאַנגען אויפן הויף. האָבן מיר זיך אַלע שטאַרק צעלאַכט...

מ י כ ל ק ע.

האָב איך מיר אַ קליינעם מיכלקע, מיכלקע,
וואוינט ער אויף דער לאַנגער גאַס,
מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס ער קאָן,
מאַכט ער מיר אַ פּייפעליו, אַ פּייפעליו —
ס'פּייפעליו מאַכט אַזוי:
פליו־פליו־פליו, פליו־פליו־פליו —
מאַכט דאָס פּייפעליו.

האָב איך מיר אַ קליינעם מיכלקע, מיכלקע,
וואוינט ער אויף דער לאַנגער גאַס,

מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס ער קאָן,
מאַכט ער מיר אַ פּייקעליו, אַ פּייקעליו —
ס׳פּייקעליו מאַכט אַזוי:
טרבאָם־באָם־באָם, טרבאָם־באָם־באָם —
מאַכט דאָס פּייקעליו.

דאָס ווינטשפינגערל.

הערשעלע האָט געהאַט אַ ווינטשפינגערל. איינמאָל איז ער געפלויגן, רייטנדיק אויף אַ ווינט, איבער טאָלן און איבער בערג, איבער וועלדער, איבער פעלדער, ביז ער איז געקומען ערגעץ אויף אַן אינזל.

שטייט אויף דעם אינזל אַ בריליאַנטענער שלאָס, אַ פּאַלאַץ מיט הונדערטער חדרים. איז ער אַריינגעקומען אין פּאַלאַץ, זעט ער: גאָלדענע טישן זענען געגרייט מיט די טייערע קרעדענצן, און מען זעט נישט קיין לעבעדיקע מענטשן. נעמט דאָס ייִנגל אַרויס זיין ווינטשפינגערל און מאַכט:

„פינגערל! פינגערל! איך וויל עסן, איך וויל טרינקען,
דאָס וויל איך, יענס וויל איך, וויל, און וויל...״

קומען אַריין באַלד פּרינצעסינס, איינע פון דער אַנדערער שענער, איינגעטונקט אין פּערל, אין דימענטן, אין גאָלד, אין זילבער, און טוען זיך אַ נעם צו הערשעלען:

עס טוט פּלוצים אַ זעץ אַ שאַרפע קאַפּעליע, מען פירט הערשעלען לעבעדיק מיט אַ מאַרש אין אַ מירמל־שטיינערנעם צימער, ווו די ווענט זענען באַהאָנגען מיט גאָלד און בילדער. דערנאָך הייבט זיך אָן אַ מאָלצייט. מיינער איז בישט פויל: עסט און טרינקט, טוט זיך וואויל, אַזוי גייט עס ווייטער, ווייטער און ווייטער...

קומט דער ליבער זומער.

קומט דער ליבער זומער,
שפּילן מיר אין זאַמד;
דאָס איז אונזער וואוינונג,
דאָס איז אונזער לאַנד.

שוואַרצע קאַרשן רייסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין,
גוטע קינדער נעמען מיר,
שלעכטע לאָזן מיר גיין.

דאָס טישעלע מיטן שיסעלע,
מיטן פישעלע.

אין ארץ־ישראל אויפן באַרג
שטייט זיך דאָרט אַ שטיבעלע.
וואָס איז דאָרט אין שטיבעלע?
אַ טישעלע!
וואָס איז אויפן טישעלע?
אַ שיסעלע!
וואָס איז אינם שיסעלע?
אַ פישעלע!

דָודלס פידעלע.

דאָס איז געווען פרייטיק. ר׳ יוחנן, דער אַלטער שַמש פון שניידער־שול האָט שוין אויפגערוימט אין שול און האָט זיך צוגעזעצט אָפּרוען. דערנאָך האָט ער אַ רוף געטון דָודלען און געזאָגט: עס איז אומעטיק, דָודל, שפּיל עפּעס. דָודל האָט גענומען דאָס פידעלע מיטן לאַנגן סמיטשיק, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן לאַנגן הילצערנעם באַנק אין פּאָלעש און אָנגעהויבן שפּילן.

ווײנט דאָס פֿידעלע, ווײנט דער אַלטיטשקער יוחנן.

און וואָס לײנגער דוידל האָט געשפּילט, האָט ער אַלץ בעסער געשפּילט און דער אַלטער יוחנן, איז געזעסן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַלץ געהערט, ווי דוידל שפּילט: איבער זײן אַלטן צעקנײטשטן פּנים האָבן זיך כּסדר געגאָסן טרערן.

אַזוי זענען זײ לאַנג געזעסן בײדע צוזאַמען.

ווען מען האָט גערופֿן אין שול, האָט זיך ערשט דער אַלטער יוחנן אַזוי ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און געזאָגט: — געננוג, דודל, גענוג! עס גײט דער הײליקער שבת!

ווער רוימט אויף די שול?

וואָס האָט געזאָגט דער שמש צו דוידלען?

וואָס האָט זיך געגאָסן איבערן אַלטנס פּנים?

ערב שבת.

דער מאַמעשי געהערט:
די שטוב אויסגעקערט,
און פֿײן צוגעראַמט —
מיט גאָלדענעם זאַמד!

דעם טיש צוגעגרייט:
אַ טישטוך פאַרשפּרייט,
די לייכטער צעשטעלט, —
די מאַמעשי קוועלט!

———

זי צינדט אָן די ליכט,
פאַרשטעלט דאָס געזיכט...
עס שפּילט זיך אין ווייַן
פון בענטש־ליכט אַ שיין.

פעטער שניי̆ער.

פוך און פוך, און ווידער פוך...
מיט אַ ווייסער, קלאָרער טוך
דעקט זיך איין דאָס שטעטל.
היי, דער פעטער שנייער פאַלט!
אויפן פעלד און אויפן וואלד
בעט ער אויס זיין בעטל.

דער דריידל.

אַמאָל איז געווען אַ ייִנגעלע, האָט ער געהייסן בערעלע. אַז עס איז געקומען חנוכּה האָבן אַלע זיינע חבֿרים געקויפט דריידלעך, נאָר בערעלע אַליין האָט קיין דריידל נישט געהאַט. ער איז געווען אַ יתום אָן אַ טאַטן, און זיין מאַמע איז געווען זייער אָרים.

איז געקומען בערעלע אַהיים און האָט זיך צעוויינט:

— אַלע ייִנגלעך האָבן דריידלעך, נאָר איך — נישט! האָט ער געקלאָגט פאַר דער מאַמען.

האָט דער מאַמען באַנג געטון אויף בערעלען, האָט זי אים אַוועקגעגעבן דאָס לעצטע צענערל אויף אַ דריידל.

בערעלע האָט געקויפט אַ דריידל און אָנגעהויבן מיט דעם צו שפּילן. האָט דער דריידל זיך אַראָפּגעגליטשט פון טיש און זיך אָנגעהויבן קוילערן אויפן פּאָדלאָגע.

האָט זיך דער דריידל געקוילערט פון שטוב אין הויף אַריין; פון הויף אין גאַס; פון איין גאַס אין דער צווייטער און פון שטאָט אַרויס. איז בערעלע אַלץ נאָכגעלאָפן מיט אויסגעצויגענע הענטלעך. ער האָט געוואָלט כאַפּן און נישט געקאָנט. דער דריידל האָט זיך געקוילערט באַרג־אַראָפּ, לויפט בערעלע אויך באַרג־אַראָפּ, דער דריידל —

באַרג-אַרויף, בערעלע באַרג-אַראָפּ, דער דריידל אין וואַלד אַריין, בערעלע אין וואַלד אַריין.

דערווייל איז געוואָרן נאַכט. אין וואַלד איז שוין געווען פינסטער. בערעלע האָט געוואָלט זיך אומקערן אַהיים און האָט נישט געקאָנט געפינען דעם דריידל, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן אומגעפאַלענעם בוים און אָנגעהויבן וויינען. פּלוצלונג דערזעט ער, אַן אַלטער מאַן גייט פון ווייטן, מיט אַ לאַמטערן אין האַנט. דער אַלטער מאַן גייט צו צו בערעלען און זאָגט אַזוי: אויב דו וועסט מיר דערציילן דעם נס-חנוכּה, וועל איך דיר אָפּפירן אַהיים.

דערפרייט זיך זייער בערעלע. ער האָט געוווּסט די גאַנצע געשיכטע מיט די חשמונאָים, און ער האָט אַלץ דערציילט.

נעמט דער אַלטער אַרויס אַ בייטעלע מיט גילדערנע רענדלעך, גיט עס בערעלען און זאָגט אַזוי: דאָס זאָלסטו אָפּגעבן דיין מאַמען. נאַ דיר די לאַמטערן און גיי גלייך. דער אַלטער איז געשטאַנען און געקוקט, ווי בערעלע גייט.

ווען בערעלע איז געקומען אַהיים, זעט ער, אַז דער דריידל ליגט אויפן טיש.

אָ, איר קליינע ליכטעלעך,
איר דערציילט געשיכטעלעך,
מַעשֶׂהלעך אָן אַ צאָל!...

די זיבן בריליאַנטן.

פאַרצייטן, שוין זייער לאַנג צוריק איז מיט אַמאָל געוואָרן אויף דער ערד אַ גרויס טריקעניש: אַלע וואַסערן, אַלע יַמִים, אַלע טייכן, אַלע ברונימס זענען אינגאַנצן אויסגעטריקנט געוואָרן; אַלעביימער, אַלע בלומען און גראָזן זענען פאַרוועלקט געוואָרן: מענטשן און חַיוֹת זענען געשטאָרבן פאַר דורשט.

איז איינמאָל אַרויסגעגאַנגען אַ מיידעלע מיט אַ קריגל זוכן ערגעץ וואַסער פאַר איר קראַנקער מוטער. האָט זי אָבער אין ערגעץ קיין טראָפּן וואַסער נישט געפונען, און שרעקלעך מיד איז זי שוין געווען, האָט זי זיך געלייגט אויפן פעלד און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

כאַפּט זיך שפּעטער אויף דאָס מיידעלע, זעט זי: דאָס קריגעלע איז פול מיט פריש, קאַלט וואַסער. האָט זי זיך זייער דערפרייט און געוואָלט באַלד אַ טרינק טון — זי

איז געווען זייער דורשטיק. האָט זי זיך אָבער תּיכּף דערמאָנט אָן דער קראַנקער מוטער, טרינקט זי שוין נישט און לויפט וואָס גיכער אַהיים. האָט זי זיך אָנגעשלאָגן לויפנדיק אָן אַ הינטעלע, וואָס איז געלעגן אָן אַ אָטעם פון דורשט. דאָס הינטעלע האָט קוים אַ קוויטש געטון, און דאָס מיידעלע האָט גענומען אביסעלע וואַסער אויפן האַנט און געגעבן דעם הינטעלע. האָט דאָס הינטעלע דאָס וואַסער אויסגעלעקט און פרייער אָפּגעאָטעמט.

איז דאָס מיידעלע געקומען אַהיים, זעט זי, אַז עס איז שוין נישט קיין ליימקריגעלע, נאָר גאָר אַ זילבערנס. דערלאַנגט זי דער מוטער דאָס זילבערנע קריגעלע מיט וואַסער, וויל די מוטער נישט טרינקען און זאָגט:

„איך וועל שוין סיי־ווי שטאַרבן, נעם בעסער דו און טרינק אַליין״.

איז אין דער מינוט פון זילבערנעם קריגעלע געוואָרן אַ גאָלדנס. דאָס מיידעלע איז טאַקע געווען זייער פאַרחלשט. האָט זי געוואָלט נעמען דאָס קריגעלע צום מויל און טרינקען. נאָר פונקט אין דער מינוט עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַן אַלטער מאַן און זאָגט אַזוי:

האָט רחמנות, גיט מיר אַביסל וואַסער. איך שטאַרב פון דורשט.

פאַרגעסט דאָס מיידעלע אָן איר דורשט און דערלאַנגט דעם אַלטן דאָס קריגל מיט וואַסער.

שפּרינגען פלוצלונג אַרויס פון קריגל זיבן גרויסע בריליאַנטן, און פון די בריליאַנטן שלאָגן אַרויס זיבן גרויסע שטראָמען מיט פריש קאַלט וואַסער.

עס האָט געגאָסן אַזוי פיל וואַסער, אַז עס איז געווען גענוג פאַר אַלע מענטשן פון שטוב, פאַר אַלע שכנים און אַפילו פאַר דער גאַנצער שטאָט; האָבן אַלע מענטשן אויפגעלעבט און באַקומען אַ פרישן פאַרב אין געזיכט און די גראָזן זענען גרין געוואָרן און די בלומען האָבן פון דאָסניי אָנגעהויבן שמעקן. און אויף מאָרגן איז שוין געווען וואַסער אין אַלע ברונימס, און די טריקעניש האָט אויפגעהערט.

ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע.

ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע,
רויטע פּאָמעראַנצן —
אַז דאָס קינד צעשטיפט זיך גוט,
גייען די פיסעלעך טאַנצן.

דער ברודער מיט דער שוועסטער.

עס איז געווען אמאָל אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, וואָס האָבן געוואוינט נעבן אַ וואַלד און אַ טייך. דער ברודער האָט געהייסן משהלע און די שוועסטער חנהלע.ביידע זענען זיי געווען גוטע, קלוגע קינדער און האָבן זיך פלייסיק געלערנט. נאָר חנהלע איז געווען אַ שטיל, וואויל מיידעלע, און משהלע איז געווען אַ גרויסער שטיפער. חנהלע האָט אים דאַריבער שטענדיק אָפּגעהיט, ער זאָל נישט פאַרקריכן ערגעץ ווייט, אין וואַלד, אָדער ביים טייך און זאָל נישט פאַרבלאָנדזשעט ווערן.

איינמאָל זאָגט דער ברודער צו דער שוועסטער: ווייסט, חנהלע, היינט וועל איך גיין צום טייך. איך וועל זען, ווי די פישער שיפן זיך.

האָט אים חנהלע נישט געוואָלט לאָזן, נאָר משהלע האָט זיך איינגעשפּאַרט: איז חנהלע מיט אים מיטגעגאַנגען; זי האָט געוואָלט אכטונג געבן אויף אים.

קומען זיי צום טייך, זעען זיי, קיינער איז נישטאָ, נאָר איין שיפל שטייט אָנגעבונדן ביים ברעג. קלערט משהלע נישט לאַנג און שפּרינגט אין שיפל אַריין. האָט זיך חנהלע אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל אַרויס, האָט זיך משהלע צעלאַכט און גענומען אָפּבינדן דאָס שיפל. חנהלע האָט מורא געהאַט אים צו לאָזן אַליין, איז זי אויך אַריינגעגאַנגען אין שיפל אַריין. זי האָט אים נאָך אַלץ געבעטן, ער זאָל גיין צוריק אַהיים. נאָר אין דער מינוט האָט ער דאָס שיפל אָפּגעבונדן און זיי האָבן אָנגעהויבן שווימען...

זיצן משהלע און חנהלע אין שיפל און טראָגן זיך מיטן שטראָם, פון אָנהויב פּאַמעלעך, נאָכדעם אַלעמאָל גיכער, גיכער, חנהלע וויינט: וואָס וועט זיין מיט אונז? וואָס וועט זאָגן די מאַמע?! משהלע לאַכט פון איר און פרייט זיך. דערווייל טראָגט זיי דער טייך אַלעמאָל שנעלער, אַלעמאָל ווייטער. אָט איז שוין אַוועק דאָס וועלדל, וואָס נעבן שטאָט, און פוןביידע זייטן טייך ציט זיך אַן אומבאַקאַנטער באַרג. וואָס ווייטער איז דער באַרג אַלץ העכער און העכער, און עס דאַכט זיך, אַז פון ביידע זייטן טייך ציען זיך הויכע ווענט, ביז צום הימל. און דער טייך גייט אַלעמאָל גיכער און טראָגט זיי, ווי אַ שטרויעלע. נאָר פּלוצלונג האָבן זיי דערהערט, ווי פון ווייטן קאָכט און רוישט דער טייך: אין דעם אָרט פאַלט ער אַראָפּ נידעריק, דאָרט איז אַ וואַסערפאַל און פון דאָרטן גייט שוין קיינער נישט אַרויס...

אַז משהלע האָט עס דערזען, האָט ער אָנגעהויבן ציטערן און וויינען. קוקט אויף אים חנהלע און שרעקט זיך אויך, נאָר וויינען וויל זי נישט: זי זשאַלעוועט משהלען, נעמט זי אים אַרום, גלעט אים און זאָגט, אַז עס איז גאָרנישט. און ביידע פאַרמאַכן די אויגן פון שרעק.

נאָר אין דער מינוט האָט זיי עמעצער אויפגעהויבן אינדערלופטן. האָבן זיי געעפנט די אויגן און דערזען: עס שטייט אַ ריז, הויך, ווי דער באַרג, די האַנט איז אים לאַנג, ווי אַ סאָסנעבוים, און אין איין האַנט האַלט ער משהלען מיט חנהלען און באַטראַכט זיי. משהלע מיט חנהלען וואָלטן זיך דערפרייט, וואָס ער האָט זיי אַרויסגענומען פון טייך. זיי האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זיי אויפעסן... האָט משהלע אָנגעהויבן שרייען „מאַמע מאַמע“!

האָט דער ריז אַ שפּרייז געטון, איז ער אַריבער דעם באַרג; האָט ער געמאַכט נאָך אַ שפּרייז, איז ער שוין געשטאַנען נעבן זיין שטוב. גייט אַרויס אַנטקעגן דעם ריזס ווייב, אויך אַזוי משונה־הויך, ווי דער ריז, און דאָס אויג איז איר אַזוי גרויס, ווי אַ פענסטער אין שול. זאָגט דער ריז צו איר:

„נאַ דיר, מיין ווייב, צוויי חיהלעך אויף מיטאָג. קאָך זיי אָפּ וועלן מיר עסן.

האָבן די קינדער אָנגעהויבן ציטערן און וויינען, און חנהלע האָט משהלען אַרומגענומען, געקושט אים און געוויינט.

האָט די ריזיכע, דעם ריזס ווייב, רחמנות געקריגן אויף זיי און געהייסן דעם מאַן זיי אָפּלאָזן. זי האָט זיי געפרעגט, פונוואַנען זיי זענען און ווי אַזוי קומען זיי אַהער. האָט איר משהלע דערציילט, אַז ער איז אין אַלץ שולדיק. האָט זי אים אָנגעזאָגט, אַז מער זאָל ער שוין אַליין נישט גיין צו אַ שיפל. דערנאָך האָט זי זיי גענומען אויפן האַנט, אין צוויי שפּרייזן איבערגעטראָגן זיי אַהיים און אַוועקגעשטעלט נעבן טייך, אויף יענעם אָרט, ווו זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין שיפל.

אין גערטעלע.

איך שטיף אין אונזער גערטעלע,
די ווייַנשל־ביימער בליען;
עס פלאַמען מיינע בעקעלעך,
די אויגעלעך — זיי גליען...

עס זאָגט מיר אָן די מאַמעניו,
איך זאָל זיך נישט פאַרגעסן,
און ווען די זון וועט אונטערגיין
דאַן זאָל איך קומען עסן...
דער טאַטע הערט זיך איין און קוועלט,
און גיט דערביי אַ שמייכל,
און זאָגט מיר אָן: „לְמַעַן השֵׁם!
פאַרקריך נישט ווייט אין טייכל".

דער ריז מיט זיין גאָרטן.

אַלע טאָג, ווען די קינדער פלעגן גיין פון שולע, פלעגן זיי אַריינגיין אין דעם ריזס גאָרטן זיך שפּילן.

דער גאָרטן איז געווען אַ גרויסער און אַ שיינער, און אינגאַנצן איז ער געווען באַדעקט מיט גרינעם גראָז. און פונם גראָז האָבן, ווי אייגעלעך, אַרויסגעקוקט טויזנטער פאַרביקע בלימעלעך. זענען אין גאָרטן געוואַקסן צוועלף איילביימער, וואָס פלעגן זיך אַלע פרילינג אָנטון אין טייערע זאַפּטיקע פרוכטן. און נעבן די פרוכטן, צווישן די צווייגן, זענען געזעסן גאָלדענע פייגל און מְחַיֶהדיק געזונגען.

— ווי גוט דאָ איז! — פלעגן זאָגן די קינדער.

איינמאָל איז דער ריז געקומען אַהיים. זיבן יאָר איז ער אינדערהיים נישט געווען. אַז ער איז צום ערשטן מאָל אַריין אין גאָרטן און דערזען די קינדער שפּילן, האָט ער אויף זיי אָנגעשריגן און אַרויסגעטריבן זיי. דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ פּאַרקאַן אַרום גאָרטן און אויפגעהאָנגען אַ צעטל:

קיין פרעמדער טאָר דאָ נישט אַריינגיין.

האָבן שוין די קינדער נישט געהאַט, ווו זיך צו שפּילן, און אַז זיי פלעגן גיין פון שולע אַהיים, פלעגן זיי קוקן אויפן צוים פון גאָרטן און בענקען:

„ווי גוט איז עס געווען אין גאָרטן!"

נאָר אָט איז אָנגעקומען דער פרילינג. אויף דער גאַנצער ערד האָבן זיך באַוויזן בלימעלעך און פייגעלעך. נאָר אין גאָרטן ביים ריז איז נאָך אַלץ געווען ווינטער. די פייגעלעך האָבן נישט געוואָלט זינגען און די ביימער האָבן פאַרגעסן צו בליען. האָט אַ בלימעלע אַמאָל אַרויס־געשטעקט זיין שיין קעפּעלע פון גראָז, האָט עס באַלד

צוריק זיך באַהאַלטן אין דער ערד. אומעטום איז געווען זון און ליכט און בלומען און פייגל, נאָר אין דעם ריזס גאָרטן איז געווען קאַלט, וויסט און טויט.

איינמאָל הערט דער ריז, ווי עס זינגען פייגל ביי אים אין גאָרטן. קוקט ער אַרויס פון פענסטער, זעט ער — אַלע ביימער בליען, און בלומען קוקן צום הימל מיט שמייכלענדיקע אייגעלעך.

גייט דער ריז באַלד אין גאָרטן אַרויס, זעט ער, אַז עס שפּילן זיך ווידער קינדער: זיי האָבן זיך אַריינגעקריגן אַהין דורך אַ שפּאַלט, דורך אַן אָפּגעריסן ברעט. אַז זיי האָבן דערזען דעם ריז, זענען זיי זיך מיט שרעק צעלאָפן. און אין דער רגע זענען פאַרטריקנט געוואָרן אַלע גראָזן און בלומען און די פייגל זענען פאַרשטומט געוואָרן.

האָט זיך דער ריז צום ערשטן מאָל פאַרטראַכט:

— איך האָב נישט געטאָרט טרייבן די קינדער פון גאָרטן. איך זע, אַז נאָר אין זכות פון די קליינע קינדער איז מיין גאָרטן געווען אַזוי שיין. האָט ער אויפגעהאָנגען אַ ביי צעטל:

אַלע קינדער מעגן זיך שפּילן אין גאָרטן.

און ער האָט געהייסן עפענען אַלע טויערן. פון דעמאָלט

אָן האָט דער גאָרטן ווידער געבליט, ווי אַמאָל, און דער ריז האָט אַזוי ליב באַקומען קינדער, אַז ער פלעגט זיך מיט זיי שפּילן און טיילן זיי אַלע טאָג בלומען און פרוכטן.



פרילינגס־ליד.

דאָס טייבעלע וואָרקעט,
דאָס טייבעלע רופט:
שטייט־אויף, קינדער! ליכטיק
און פריש איז די לופט:

———

דאָס בינעלע זשומעט
און זויגט אָן אַ מאָס
די זאַפט פון די רויזן,
דעם טוי פונם גראָז.

———

עס בליען דיביימער,
עס שפּראָצן די בלומען.
צו אונז איז דער פרילינג,
דער פרילינג געקומען.

———

די פייגעלעך זינגען
אין וואַלד און אין טאָל,
עס הערן זיך לידער
ארום אָן אַ צאָל.

די פישעלעך שווימען
אַרויף אויף די וועלן —
זיי טאַנצן אין וואַסער,
זיי שפּרינגען און קוועלן...

שטייט-אויף, קינדער! ליכטיק
און פריש איז די לופט...
דאָס טייבעלע וואָרקעט,
דאָס טייבעלע רופט...

דאָס גאָלדענע פישעלע.

ביים בלויען יַם האָט אמאָל געוואוינט אין אַ קליין שטיבעלע אַן אַלטער פישער מיט זיין ווייב.

פאַרוואַרפט איינמאָל דער אַלטער זיין נעץ אין יַם און ציטאַרויס אַ גאָלדן פישעלע, אַן עכט, שיין גאָלדן פישעלע.

טוט דאָס גאָלדענע פישעלע אַ ציטער און זאָגט צום אַלטן מיט אַ קול פון אַ מענטשן:

— אַלטיטשקער! לאָז מיך צוריק אין יַם אַוועק, דערפאַר וועל איך דיר געבן אַלץ, וואָס דו וועסט פון מיר באַגערן.

פאַרוואונדערט זיך זייער דער אַלטער: ווי קומט עס, אַז אַ פיש זאָל ריידן? — האָט ער אָפּגעלאָזן דאָס פישעלע און געזאָגט: — גיי בשלום, דו גאָלדן פישעלע.

קומט דער אַלטער פישער צו זיין ווייב און דערציילט איר, אַז ער האָט געזען אין יַם אַ גאָלדן פישעלע און אַז דאָס פישעלע האָט אים געוואָלט געבן אַלץ, וואָס ער וואָלט נאָר באַגערט.

ווערט די אַלטע זייער בייז און זאָגט:

— שוטה דו! למאַי האָסטו ביים פישעלע גאָרנישט אויסגעבעטן? כאָטש אַ פּשוט טעפּל האָסטו געדאַרפט בעטן. אונזערס האָט זיך שוין אינגאַנצן צעבראָכן.

גייט דער אַלטער צום בלויען יַם, זעט ער, עס שווימט אַרויס דאָס גאָלדענע פישעלע. פרעגט דאָס פישעלע:

— אַלטיטשקער, וואָס איז דיין פאַרלאַנג?

פאַרנייגט זיך דער אַלטער און זאָגט:

— זיי מיר מוחל, גאָלדן פישעלע, מיין ווייב וויל אַ ניי טעפּל.

— גיי אַהיים, וועסט האָבן אַ ניי טעפּל.

קומט דער אַלטער אַהיים, זעט ער, עס שטייט אַ ניי טעפּל; נאָר די אַלטע איז נאָך בייז, ווי פריער: זי וויל, ער זאָל אויסבעטן ביים פישעלע אַ ניי הייזל.

גייט דער אַלטער ווידער צום יַם און בעט־אויס אַ נײַ הײַזל, ווערט די אַלטע נאָך בייזער, פאַרוואָס ער האָט נישט אויסגעבעטן אַ גרויס הויז.

גייט דער אַלטער נאָכאמאָל צום פישעלע און בעט־אויס אַ גרויס הויז. אָבער די אַלטע איז נאָך בייזער, ווי פריער: „גיי זאָג דעם פישעלע, — שיקט אים די אַלטע, — אַז איך וויל נישט זיין קיין פּראָסטע יידענע, איך וויל זיין אַ פּריצטע, אַן אֱמתע פּריצטע.

גייט ווידער צום יַם דער אַלטער, און ווען ער קערט זיך צוריק אַהיים, זעט ער: עס שטייט שוין אַ הויכער פּאַלאַץ, און אויפן גאַניק שטייט די אַלטע זיינע, גאַרנישט צו דערקענען; אַן אֱמתע פּריצטע. זאָגט צו איר דער אַלטער: — נו, פּריצטע, איצט ביזטו שוין צופרידן?

צעשרייט זיך אויף אים די אַלטע: ווי קומט עס, אַז אַ פּראָסטער פישער זאָל פאַר איר קיין דֶרֶך־אֶרֶץ נישט האָבן? און זי שיקט אים אַוועק אין שטאַל אַריין צו די פערד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום שיקט זי דעם אַלטן ווידער צום יַם: זי וויל שוין מער נישט זיין קיין פּריצטע — אַ קֵיסֶרינע וויל זי זיין. וויל דער אַלטער נישט גיין: — ווי קומסטו צו זיין אַ קֵיסֶרינע? טַעֲנהט ער. נאָר די אַלטע זאָגט, אַז אויב ער וועט נישט גיין מיט גוטן, וועט מען אים מיט גוואַלט אָפּפירן צום יַם.

וואָס זאָל, נעבעך, דער אַלטער טון?! מַילא, גייט ער, קומט ער פון דאָסניי צום יַם.

שווימט אַרויס דאָס פישעלע און זאָגט:

„האָב נישט קיין זאָרג, אַלטיטשקער, די אַלטע וועט זיין אַ קֵיסֶרינע!“

קומט דער אַלטער אהיים, זעט ער: עס שטייט אַ קייזערלעכער פּאַלאַץ. אומעטום זילבער און גאָלד, די אַלטע זיצט אויף אַ גאָלדענעם טראָן און דערביי שטייען מיט דֶרֶך־אֶרֶץ גרויסע לייט. אָבער די אַלטע קוקט גאָרנישט אויף אים, און די באַדינער לאָזן אים גאָרנישט צו צו איר.

גייט אַריבער אַ וואָך, די צווייטע, שיקט די אַלטע נאָך איר מאַן, זי וויל ווערן אַ קֵיסְרינע איבער דער גאַנצער ערד און אַלע יַמִים און דאָס גאָלדענע פישעלע זאָל איר דינסט זיין.

ציטערט דער אַלטער פאַר איר, זי איז דאָך עפּעס אַ קֵיסְרינע, גייט ער צום גאָלדענעם פישעלע און דערציילט די גאַנצע געשיכטע, — די אַלטע וויל נישט זיין קיין פּראָסטע קֵיסְרינע, זי וויל שוין זיין אַ קֵיסְרינע איבער דער גאַנצער ערד, איבער אַלע יַמִים, און דו, גאָלדן פישעלע, זאָלסט איר באַדינען.

שווייגט דאָס גאָלדענע פישעלע, זי ענטפערט נישט און ווערט פאַרשוואונדן אין יַם.

קומט דער אַלטער צוריק אהיים און בלייבט שטיין ווי אַ צעמישטער: נישטאָ דער פּאַלאַץ און עס שטייט צוריק דאָס אַמאָליקע אַלטע איינגעפאַלענע הייזל, די אַלטע זיצט אויפן שוועל, און נעבן איר וואַלגערט זיך דאָס אַלטע צעלעכערטע טעפּל...

דאָס רויטע בלימעלע.

בערעלעס מאַמע איז קראַנק געוואָרן. איז געקומען דער דאָקטער און האָט געזאָגט: עס איז דאָ אויף דער ערד אַ רויט בלימעלע מיט אַ גאָלדן הערצעלע, זאָל מען דאָס בלימעלע קאָכן אין וואַסער און מאַכן דערפון טיי. אַז די קראַנקע וועט טרינקען דעם דאָזיקן טיי, וועט זי געזונט ווערן.

האָט מען אָנגעהויבן זוכן דאָס בלימל און נישט געקאָנט געפינען. זאָגט בערעלעס טאַטע:

— ווער וועט גיין ווייטער זוכן דאָס רויטע בלימעלע? ווייסט מען נישט ווער. דער עלטערער ברודער דאַרף היטן דעם אָרון, קאָכן ראַמען, דער יינגערער דאַרף זיצן נעבן דער מאַמען.

זאָגט בערעלע: איך וועל גיין.

איז בערעלע אַוועק זוכן, און גענומען מיט זיך אַ שטיקל קעז מיט ברויט.

איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, און געקומען אין אַ גרויסן וואַלד. דאָ האָט ער פאַרבלאָנדזשעט און נישט געוווּסט, וואו ווייטער צו גיין. האָט ער זיך געזעצט אונטער אַ בוים און געוויינט. פרעגט אים אַ קראָה:

— קראַ-קראַ-קראַ: וואָס וויינסטו, ייִנגעלע? האָט בערעלע איר אַלץ דערציילט.

זאָגט די קראָה: קראַ-קראַ-קראַ! גיב מיר דאָס קעז, וואָס דו האַלסט, וועל איך דיר ווייזן דעם וועג.

האָט איר בערעלע אָפּגעגעבן, דאָס קעז מיטן ברויט צוזאַמען און זי האָט אים געוויזן דעם וועג.

גייט בערעלע ווייטער, קומט ער צו אַ טייך, וואו קיין בריק איז נישטאָ. וואו גייט מען איבער דעם טייך? זעצט זיך בערעלע אַנידער און וויינט.

גייט אָן אַ גענזעלע.

גאָ-גאָ-גאָ! ייִנגעלע, וואָס וויינסטו? — פרעגט דאָס גענזעלע. דערציילט איר בערעלע, אַז ער זוכט אַ רויט בלימעלע פאַר זיין קראַנקער מאַמע, און ער קאָן דעם טייך נישט דורכגיין.

זאָגט דאָס גענזעלע: דו זעסט? איך בין בלינד אויף איין אויג. דאָס האָט מיר אַ בייזער אָדלער אויסגעשטאָכן. גיב מיר איינס פון דיינע אויגן, וועל איך דיך אַרויפזעצן אויף מיינע פליגלען און וועל דיך איבערטראָגן.

זאָגט בערעלע: נעם מיין אויג, נעם מיר אַפילו צו אַ צאָן, אָבער פיר מיך דורך דעם טייך.

האָט די גאַנז אים אויסגעשטאָכן אַן אויג, אַרויסגענומען אַ צאָן און דורכגעטראָגן דעם טייך.

זעט בערעלע אַ גרויסן גאָרטן און אין גאָרטן אַ סך בּלומען, האָט ער אַזוי לאַנג געזוכט, ביז ער האָט געפונען אַ רויט בּלימעלע מיט אַ גאָלדן הערצעלע. האָט ער עס אויסגעריסן און געבראַכט אַהיים. האָט דער עלטערער בּרודער עס אָפּגעקאָכט, געמאַכט דערפון טיי און געגעבן דער קראַנקער מאַמען טרינקען. איז בערעלעס מאַמע באַלד געזונט געוואָרן. נאָר אַז זי האָט דערזען, אַז איר יינגעלע פעלט אַן אויג און אַ צאָן, האָט זי זיך צעוויינט. איז איין טרער אַרויפגעפאַלן אויף בערעלעס בלינדן אויג, איז עס תּיכּף זעענדיק געוואָרן און אַ ווייס ציינדל איז פון לופטן געקומען און זיך אַריינגעשטעלט אין בערעלעס ציין-שורה. דערנאָך האָט בערעלע זיך צעקושט מיט דער מאַמען, זיך איינגעוואַשן, אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען און אַוועק אין חדר אַריין.

וואָס איז דאָס שענסטע?

וואָס איז דאָס שענסטע פון דער וועלט?
אַ שיינער וואַלד.
וואָס איז דאָס שענסטע אין וואַלד?
אַ שיינער בוים.
וואָס איז דאָס שענסטע אינם בוים?
אַ שיינער צווייג.
וואָס איז דאָס שענסטע אין דעם צווייג?
אַ גרין בלאַט.
בלאַט פון דעם צווייג,
צווייג פון דעם בוים,
בוים פון דעם וואַלד,
וואַלד פון דער וועלט, טאַם־טי־דראַם!
טאַם־טי־דראַם! טאַם־טי־דראַם! טאַם־טי־דראַם!

דאָס שעפּסעלע.

גייט דאָס יתומהלע שׂרהלע מיט איר קליינעם ברודערל יאָסעלען איבערן ברייטן פרייען פעלד. און הייס איז געווען. און יאָסעלע וויל טרינקען.

שׂרהלע — זאָגט ער — טרינקען וויל איך.

— וואַרט, יאָסעלע, באַלד וועט זיין אַ ברונים, — טרייסט אים שׂרהלע.

גייען ביידע ווייטער איבערן ברייטן פרייען פעלד.

און הויך איז די זון,
און צום ברונים איז ווייט
און עס פייניקט די היץ,
און עס מאַטערט דער דורשט.
אַ קאַריטע שטייט
פול מיט וואַסער ביים וועג;
ס'איז דאָס וואַסער פאַר פערד,
נאָר פאַר דורשטיקע פערד.

— שׂרהלע — שרייט יאָסעלע, איך וויל אַ טרונק טון פון דער קאַריטע.

— מען טאָר נישט, — שאָקלט שׂרהלע מיטן קאָפּ, — וועסטו טרינקען, וועסטו אַ פערדעלע ווערן.

*

יאָסעלען ברענט אין מויל. דער שווייס רינט אים פון שטערן אויף די בעקעלעך, קוים וואָס ער אָטעמט, דאָך אָבער שטאַרקט ער זיך און גייט ווייטער מיט דער שוועסטער. זעען זיי אַ קאַריטע פאַר קעלבלעך.

— איך וויל טרינקען פון דער קאָריטע — בעט זיך יאָסעלע ביי דער שוועסטער.

אָבער שׂרהלע מאַכט אַ בייזע מינע און זאָגט:

— מען טאָר נישט, וועסט ווערן אַ קעלבעלע.

גייען זיי ווייטער, גייען און גייען, קיין ווינטעלע איז נישטאָ. עס איז הייס. גייען זיי און גייען און זעען אַ קאָריטע מיט וואַסער פאַר שעפּסעלעך. בויגט אָן יאָסעלע שנעל דעם קאָפּ צום קאָריטע און טרינקט זיך שטילערהייט אָן מיטן קאַלטן וואַסער. דערזעט די שוועסטערל: נישטאָ יאָסעלען. עס שטייט גאָר אַ קליין ווייס שעפּסעלע, צעוויינט זי זיך אויפן קול, זי וויינט און וויינט, אָבער העלפן קאָן זי נישט, גייט זי מיטן שעפּסעלע ווייטער.

*

אויפן וועג טרעפט זיי אַ רייכער ייד, וואָס פאָרט אָן אַנטקעגן. וויל ער אָפּקויפן דאָס שעפּסעלע. נאָר שׂרהלע זאָגט אים, אַז דאָס איז איר ברודערל יאָסעלע. נעמט זיי דער ייד אַרויף אויפן וואָגן און פירט זיי אַוועק צו זיך אַהיים. שׂרהלע איז אים געפעלן געוואָרן, גיט ער איר עסן און טרינקען, און פאַשעט דאָס שעפּסעלע, ווי אַן אייגן קינד.

אָבער נישט ווייט פון רייכן ייד האָט געוואוינט אַ

שלעכטע פּרוי מיט אַ טאָכטער. פאַרדריסט איר וואָס אַלע האָבן ליב שׂרהלען. האָט זי איינמאָל געכאַפּט שׂרהלען און אַריינגעוואָרפן אין טייך אַריין. זי האָט גענומען איר טעכטערל, אָנגעטון אין שׂרהלעס קליידער און קיינער האָט ניִשט דערקענט. אַלע האָבן געמיינט, אַז דאָס איז שׂרהלע. נאָר דאָס שעפּסעלע אַליין האָט אַלץ געוואוסט. שטייט נאָר דאָס שעפּסעלע און וויינט: מע-ע-ע! מע-ע-ע!

זאָגט דאָס טעכטערל: — מען דאַרף רופן דעם שוחט, ער זאָל קוילען דאָס שעפּסעלע. — וואונדערט זיך דער ייד, וואָס שׂרהלע וויל דאָס שעפּסעלע קוילענען, און ער הייסט איר גיין רופן דעם שוחט. הערט עס דאָס שעפּסעלע, לויפט עס צום טייך און קלאָגט:

— שׂרהלע, שׂרהלע, ראַטעווע מיך, מען וויל מיך שעכטן. —

ענטפערט שׂרהלע פון טייך אַרויס:

„יאָסעלע, יאָסעלע,
איך קאָן פון וואַסער ניִשט אַרויס,
מיר גייען באַלד די כּחות אויס".

שטייט גראָד ביים טייך דער רייכער ייד און הערט, ווי שׂרהלע רעדט פון טייך אַרויס. האָט ער געכאַפּט און אַרויסגענומען שׂרהלען פון טייך.

לויפט צו צו איר דאָס שעפּסעלע, און שׂרהלע נעמט עס אַרום און וויינט:

— „יאָסעלע, יאָסעלע, ברודער דו מיין!"

ווערט אין דער מינוט פון שעפּסעלע צוריק אַ יאָסעלע, פּונקט ווי פריער, אַ שיין יינגעלע מיט שוואַרצע אייגעלעך.

האָט זיי דער רייכער ייד געבראַכט אַהיים, און דאָס פרעמדע בייזע מיידל האָט ער אַרויסגעטריבן. ער האָט געגעבן עסן דעם ברודערל מיט דעם שוועסטערל, און האָט אַזוי געזונגען:

לאָמיר אַלע, אַלע זינגען,
לאָמיר פריילעך זיין,
קינדער מיינע זענט איר בײדע,
קינדער שיין און פיין.

אַ רעגן.

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן,
פון די קליינע קינדערס וועגן,
אי בייטאָג, אי ביינאַכט,
אַלע לאָדן צוגעמאַכט,

ניִשט קיין סך, ניִשט קיין ביסל,
נאָר אַ פול שיסל.

ווילדע געננז.

אמאָל איז געווען אַ טאַטע מיט אַ מאַמען, האָבן זיי געהאַט אַ קליין מיידעלע, מיט אַ קליין יינגעלע.

איז איינמאָל די מאַמע אַוועק מיטן טאַטן אין גאַס, האָבן זיי אָנגעזאָגט דעם טעכטערל, זי זאָל אָפּהיטן דאָס ברודערל.

פאַרגעסט דאָס מיידעלע באַלד, וואָס די מאַמע האָט אָנגעזאָגט, און לויפט אַוועק צו אירע חבֵרטעס זיך שפּילן; דאָס ברודערל איז געבליבן זיצן אין שטוב ביים אָפענעם פענסטער.

קומען צופליען זיבן ווייסע פייגל, שפּרייטן־אויס די פליגל און כאַפּן־צו דאָס יינגעלע און טראָגן אים אַוועק ערגעץ ווייט־ווייט.

דאָס זענען געווען ווילדע געננז.

קומט אַהיים דאָס מיידעלע, זעט זי — דאָס ברודערל איז נישטאָ, קוקט זי אַרויס אין פענסטער, זעט זי די זיבן ווייסע ווילדע געננז, פאַרשטייט זי, אַז זיי האָבן עס דאָס ברודערל צוגעכאַפּט, הייבט זי אָן שטאַרק וויינען און לויפט אַוועק נאָך די געננז.

לויפט דאָס מיידעלע, לויפט — טרעפט זי אין פעלד אָן עפּלבוים, זאָגט זי צום עפּלבוים:

— ליבער, תּאַרציִקער עפּלבוים, זאָג מיר, וואו איז מיין

ברודערל, אֶפשר האָסטו געזען, וואו די ווילדע גענז האָבן אים אװעקגעטראָגן?

— אַז דו וועסט עסן אַן עפּעלע, וועל איך דיר זאָגן, — ענטפערט דער עפּלבוים.

— ווי אַזוי קאָן איך עסן עפּל, אַז מיין ברודערל איז נישטאָ? — ענטפערט דאָס מיידעלע און לויפט ווייטער.

טרעפט זי אָן אַ טייך פון מילך און ברעגן פון קעז. בייגט זיך איין דאָס מיידעלע און פרעגט:

— ליב טייכעלע! אֶפשר האָסטו געזען, וואו די ווילדע גענז האָבן מיין ברודערל אװעקגעטראָגן? —

— איך האָב געזען — ענטפערט דער טייך — טרינק אַביסעלע מילך, עס אַ שטיקעלע קעז, וועל איך דיר זאָגן.

— זאָג אַליין, הארציק טייכעלע, ווי קען איך עסן קעז, ווי קען איך טרינקען מילך, אַז מיין ברודערל איז נישטאָ?

שווייגט דער טייך, רעדט נישט מער

צעוויינט זיך דאָס מיידעלע, קומט אָן אַ קליין פייגעלע, האָט עס רחמנות אויפן מיידעלע און ווייזט איר אָן אויפן וואַלד.

— גיי אין וואַלד — זאָגט דאָס פייגעלע, — וועסטו דאָרט געפינען דיין ברודערל.

לויפט דאָס מיידעלע ווייטער, קומט זי אין וואַלד אַריין און זעט: עס שטייט אַ קליין הייזעלע אויף הינערשע פיסלעך — שטייט און הוידעט זיך אַהין און אַהער. קוקט דאָס מיידעלע אין פענסטער אַריין, זעט זי, עס זיצט אַן אַלטע מכשפה אויף אַ באַנק און נעבן איר זיצט דאָס ברודערל, האַלט אַ גאָלדן עפּעלע אין האַנט, שפּילט זיך דערמיט און וויינט.

כאַפּט דאָס מיידעלע דאָס ברודערל און לויפט אַוועק מיט אים. זענען באַלד אָנגעלאָפן די זיבן ווילדע גענז און גענומען יאָגן דאָס מיידעלע. לויפט זי האַסטיק מיטן ברודערל און דערלויפט צום טייכעלע מיט מילך. טרינקט זי שוין אַביסל מילך און בעט דאָס טייכעלע, עס זאָל זי באַהאַלטן. זענען באַלד די גענז צעלאָפן. קומט דאָס מיידעלע צום עפּלבוים, זעט זי: די ווילדע גענז יאָגן זי ווידער, כאַפּט זי אָן עפּעלע און בעט דעם בוים, ער זאָל זי באַהאַלטן. האָט זי דער בוים באַלד באַדעקט מיט זיינע צווייגן און די ווילדע גענז זענען צעלאָפן געוואָרן.

לויפט ווייטער דאָס מיידעלע מיטן ברודערל און דערזעט פון וויטן דער מאַמען מיטן טאַטן; האָט זי זיך שטאַרק דערפרייט און מער שוין קיינמאָל נישט איבערגעלאָזט דאָס ברודערל אַליין.

אַ טאַנץ־ליד.

ליבע שוועסטער, טאַנץ מיט מיר,
ביידע הענטלעך גיב איך דיר —
אַמאָל אַהין, אַמאָל אַהער,
עס איז דאָך גאָרנישט שווער.

נאָכאַמאָל דאָס שיינע שפּיל,
טאַנץ־זשע, טאַנץ־זשע, ווי איך וויל:
אַמאָל אַהין, אַמאָל אַהער —
עס איז דאָך גאָרנישט שווער

דאָס וואונדערלאַכע פּייפל.

נישט ווייט פון אַ גרויסן וואַלד איז געווען אַ קליין דאָרף. ביים אָנהייב דאָרף איז געשטאַנען אַ קליין אָרים הייזל. אין הייזל האָט געוואוינט טֶביֶה דער האָלצהעקער מיט זיין ווייב און פיר קינדערלעך. טֶביֶה דער האָלצהעקער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן.

איינמאָל, פאַרנאַכט, האָבן אין טיר צו טֶביֶהן אָנגעקלאַפּט דריי אַלטע יידן, אָרימעלייט. ווען טֶביֶה האָט זיי געעפנט די טיר, האָבן זיי געבעטן, ער זאָל זיי געבן אַ שטיקל ברויט און לאָזן זיי איבערנעכטיקן.

אַך, גוטע מענטשן, — האָט טֶביֶה צו זיי געזאָגט, — איך האָב נאָר איין בעט פאַר די קינדער. אויף עסן האָב איך בלויז קאַרטאָפל און אַ שטיקל שוואַרץ ברויט. נאָר עס מאַכט נישט אויס, קומט, עסט עפּל און לייגט זיך שלאָפן.

די דריי אָרימעלייט האָבן געגעסן מיט חֵשֶק, דערנאָך זיך אַנידערגעלייגט און באַלד איינגעשלאָפן.

איינדערפרי האָט איינער פון די אָרימעלייט געזאָגט, אַז זיי ווילן אים באַצאָלן פאַר זיין גוטסקייט, נאָר טֶביֶה

האָט קיין געלט נישט געוואָלט נעמען. האָט דעמאָלט דער צווייטער אָרימאַן געזאָגט:

— דערפאַר וועלן מיר דיר געבן אַ מַתָּנָה, וואָס איז טייערער פון געלט: נאַ דיר אַ פייפעלע, אַז דו וועסט עפּעס וועלן, זאָלסטו אַ פייף טון, וועסטו באַלד האָבן, וואָס דו פאַרלאַנגסט. נאָר זע, דו זאָלסט שטענדיק זיין גוט צו אָרימעלייט.

די אָרימעלייט זענען אַוועקגעגאַנגען, קוקט טֶבֿיֶה דער האָלצהעקער אויפן פייפעלע און לאַכט:

— צו וואָס — זאָגט ער — טויג מיר אַ פייפעלע? איך בין דאָך נישט קיין קליין קינד. נאָר איך וועל מיך פּרוּוון פייפן. איך וויל, אַז אויפן טיש זאָל איצט שטיין, דהיינו, זעמל מיט מילך, מיט אייער און פּוטער...

טוט ער אַ פייף — און באַלד שטייט שוין אויפן טיש אַלץ, וואָס ער האָט אויסגערעכנט, און עס ליגט נאָך אַ שיין זילבערן מעסער מיט זילבערנע לעפעלעך און מיט אַ גאָלדענעם זאַלצמעסטל. האָט טֶבֿיֶה שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין פּראָסט פייפל. און אַז ער האָט נאָר עפּעס באַדאַרפט, איז גענוג געווען, ער זאָל אַ פייף טון, איז שוין אַלץ געשטאַנען אויפן טיש כּיַד הַמֶלֶך.

גייט די צייט, און טֶביֶה דער האָלצהעקער איז שוין אַ גביר געוואָרן. אויף דעם אָרט, וואו עס איז פריער געשטאַנען דאָס קליינע איינגעפאַלענע הייזל, האָט טֶביֶה אויסגעבויט אַ גרויסן און שיינעם פּאַלאַץ. נעבן פּאַלאַץ איז געווען אַ שיינער גאָרטן מיט אַלערליי בלומען, און אין מיטן גאָרטן האָט זיך געקויקלט אַ קליין זילבערן וואַסערל און אין וואַסערל האָבן זיך געשפּילט פישעלעך.

אַז דער פּאַלאַץ איז אינגאַנצן אויפגעבויט געוואָרן, האָט טֶביֶה געמאַכט אַ גרויסן באַל. האָט ער צונויפגערופן אַלע פּריצים פון די דערפער און שטעט.

זענען אַלע געקומען, זיך אויסגעזעצט פאַר די לאַנגע טישן, געגעסן און געטרינקען און זיך געלאָזט וואויל גיין. ביים טויער פון פּאַלאַץ האָט טֶביֶה אַוועקגעשטעלט משרתים, זיי זאָלן נישט אַריינלאָזן קיין אָפּגעריסענע, קיין אָרימעלייט, מען זאָל אים נישט שטערן די שׂמחה.

פּונקט דעמזעלבן אָוונט זענען דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם פּאַלאַץ יענע דריי אָרימעלייט, וואָס האָבן געגעבן טֶביֶהן דאָס פייפל. זעען זיי, אַז ביי טֶביֶהן איז אַ שׂמחה, זאָגט איינער: לאָמיר אַריינגיין אַ קוק טון די שׂמחה. לאָזט מען זיי אָבער נישט אַריין, און אַז זיי ווילן נישט

אַוועקגיין, שיקט מען אַרויס אַ גרויסן הונט אויף זיי, וואָס רייסט־אָפּ בײַ איינעם די קאַפּאָטע און בײַסט־איין בײַם צווייטן אַ פינגער. גייען די אָרימעלייט אַוועק.

נאָר אין אַ רגע אַרום קומט אָן אַ גאָלדענע קאַרעט, געשפּאַנט אין פיר פערד. פון קאַרעט גייען אַרויס דריי פאַרפּוצטע פּריצים מיט בריליאַנטן און גאָלדענע פינגערלעך אויף די הענט. עפנט מען באַלד טיר און טויער פאַר זיי. לויפט טביה זיי אַרויס אַנטקעגן און דערקענט אין זיי די אָרימעלייט, וואָס האָבן אים געגעבן דאָס פייפל. נאָר די אָרימעלייט האָבן געזאָגט: „מיר ווילן נישט זיין אויף קיין שמחה בײַ אַ יידן, וואָס לאָזט נישט אַריין צו זיך קיין אָרימעלייט". און איינער האָט געוויזן די קאַפּאָטע, וואָס די הינט האָבן אים צעריסן.

דער עלטסטער פון זיי האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פייפל, פּונקט אַזאַ ווי ער האָט געגעבן טביהן, אַ פייף געטון. איינס־צוויי־דריי — און באַלד איז פאַרשוואונדן געוואָרן דער פּאַלאַץ מיטן גאָרטן מיט אַלע טייערע זאַכן, וואָס טביה האָט געהאַט, און עס איז ווידער געשטאַנען דאָס אַלטע איינגעפאַלענע הייזל.

און די דריי אַלטע לייט זענען פאַרשוואונדן געוואָרן.



דער אוצר.

אויף יענער זייט בארג, הינטערן אַלטן בית־המדרש, געפינט זיך אַן אוצר.

נאָר קומען צום אוצר איז נישט אַזוי גרינג; אַז אַלע אין שטעטל וועלן לעבן בשלום און וועלן זיך נעמען אַלע אים זוכן, דעמאָלט וועט מען אים געפינען. אָבער אַז מען וועט זיך קריגן, מען וועט נישט לעבן בשלום, וועט ער, דער אוצר, אַריין טיף — טיף אין דרערד אַריין...

אַזוי האָט מען געשמועסט אין שטעטל, און מען האָט אָנגעהויבן זוכן דעם אוצר, דער — דאָ, דער — דאָרטן, און מען האָט אָנגעהויבן זיך צו שפּאַרן און איבערשפּאַרן, צו רייסן און קריגן זיך, וואָס ווייטער אַלץ מער, אַלץ שטאַרקער, און אַלץ איבערן אוצר. דער האָט געזאָגט: ער דאַרף זיין דאָ; דער האָט געזאָגט: דאָרטן, און מען האָט נישט אויפגעהערט זיך צו שפּאַרן און צו קריגן זיך וואָס ווייטער אַלץ מער, און אַלץ איבערן אוצר. און דער אוצר — האָט געזונקען אַלץ טיפער און טיפער אין דרערד אַריין.